# 2 אידיש־לערער פון ניו־יאָרק אָפּגעפּלויגן קיין קיעוו אויף אַ לערער־סעמינאַר

אַ דאַנק די באַמיאונגען פון דער מאָסקווער אידישער יוגנט־
געזעלשאַפט עפנט זיך הייַנטיקע וואָך אַ סעמינאַר פאַר אידישע
לערער אין קיעוו, וואָס וועט זיין אונטער דער אָפיציעלער
אַפּוטרופּסות פונעם אוקראַאינישן בילדונגס־מיניסטעריום. די
פאַרבעטונג צו שיקן צוויי לערער, וואָס זאָלן אָנפירן מיטן סעמי־
נאַר צו וועלכן עס קומען פּאָטענציעלע אידיש־לערער פון גאַנץ
סאָוועט־רוסלאַנד, איז געקומען צום אַרבעטער־רינג, וועלכער
האָט די פאַרבעטונג איבערגעגעבן דעם אַמעריקאַנער קאָמיטעט
פאַרן ווידער־אויפלעב פון אידיש און אידישער קולטור אין
סאָוועט־רוסלאַנד. דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן צוויי
לערער און הייַנטיקע וואָך זענען זיי שוין אָפּגעפלויגן קיין קיעוו.
דאָס זענען: ד״ר דוד ראָסקעס, פּראָפעסאָר פון אידישער ליטע־
ראַטור אינעם אידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר און מחבר פון אַ
צאָל אַקאַדעמישע ביכער וועגן אידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע
און אויך וועגן דער אידישער ליטעראַטור; און פסח פישמאַן,
אַ געוועזענער לערער פון די אַרבעטער־רינג שולן און די לעצטע
צען יאָר איינער פון די פּראָמינענטסטע לערער פון דער אידישער
שפּראַך אין „איוואָ", אַרבעטער־רינג, 92טע גאַס „וואַי" און
אַנדערע אידישע קאָמיוניטי־צענטערס.

צום סעמינאַר האָבן זיך ביז איצט פאַרשריבן עטלעכע און
פופציק לערער. ד״ר ראָסקעס און פסח פישמאַן האָבן מיט זיך
מיטגענומען אַ גרויסע צאָל לערן־ביכער, אַרויסגעגעבן פון אַרבע־
טער־רינג און אויך אייגענע לערן־מאַטעריאַלן, וואָס זיי האָבן
ספּעציעל צוגעגרייט פאַר דעם סעמינאַר.

אינעם קאָמיטעט פאַרן ווידער־אויפלעב פון אידיש אין
סאָוועטן־פאַרבאַנד זענען אָנגעשלאָסן די פאָלגנדיקע אָרגאַני־
זאַציעס: דער אַרבעטער־רינג, די „פאָרווערטס־אַסאָסיאיישאָן",
דער אידישער קולטור־קאָנגרעס, דער „בונד", דער אידישער
אַרבעטער־קאָמיטעט, דער „איוואָ" און די נאַציאָנאַלע ביכער־
צענטראַלע אין אַמהערסט.

די באַאַמטע זענען: אלי וויזעל און טעאָדאָר ביקעל —
ערן־פאָרזיצערס, העראָלד אָסטראָף און וויליאַם סטוירן, פאָר־
זיצערס און יאָסל מלאָטעק, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר.

ביישטייערונגען פאַרן פאָנד דאַרפן געשיקט ווערן אויפן
נאָמען און אַדרעס פון:

**N. CHANIN CULTURE FUND**
**45 East 33rd Street, New York, N. Y. 10016**